**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט באלד 5 מיליאן דאלער אויסגעטיילט צו שטיצן באשעפעניש שיץ-ערטער פארבעסערונגען**

***רונדע פיר פון די באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד זעצט פאר ווייטער צו שטיצן קאנסטרוקציע, רענאוואציע און פארברייטערונג פון באשעפעניש שיץ-ערטער***

***2022 גרענט באקומער וועלן צושטעלן באשיצטע באשעפענישן מיט בעסערע וואוינונגס אומשטענדן און מעדיצינישע באהאנדלונג***

***פראגראם באקומט גרויסע אונטערהייב פאר רונדע פינף דורך דעם פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטן בודזשעט***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן באלד 5 מיליאן דאלער איז אויסגעטיילט געווארן צו 17 נאנפראפיט באשעפעניש שיץ-ערטער און רחמנות געזעלשאפטן דורך דער פערטער רונדע פון דעם ניו יארק סטעיט באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד. די פינאנצירונג וועט שטיצן קאנסטרוקציע, רענאוואציע און פארברייטערונג פראיעקטן וואס וועלן צושטעלן באשעפעניש אויפפאסונג. אלס דער ערשטער אין לאנד צו פינאנצירן קאפיטאל פראיעקטן פאר באשעפעניש שיץ-ערטער, צייגט ניו יארק סטעיט ווייטער איר איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן אפגעהיטענע האוזינג און אויפפאסן פאר באשיצטע הונט און קעץ בשעת זיי ווארטן אויף אדאפטירט צו ווערן, אריינגערעכנט דורך א געהעכערטע באשטימונג פאר דער פינפטער רונדע פונעם פראגראם אין דעם פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטן בודזשעט.

״ניו יארק׳ס באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד וועט ווירקליך אויסמאכן פאר שיץ-ערטער און מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפטן לענגאויס דעם סטעיט, זיי צו העלפן מאכן קריטיש-וויכטיגע אפגרעידס וואס וועלן ענדגילטיג מיינען בעסערע אויפפאסונג פאר אונזערע הונט און קעץ בשעת זיי ווארטן אויף זייערע קביעות׳דיגע היימען,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ געווען אריינצורעכענען פינאנצירונג פאר דעם פראגראם אין מיין עקזעקיוטיוו בודזשעט היי-יאר — דאס ערשטע מאל אין די היסטאריע — און מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער שטיצן די גרויסע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן צו האלטן אפגעהיטן און באשיצט הונט און קעץ.״

זינט דאס איינפירן דעם ׳באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד׳ פראגראם אין 2017, אנגעפירט דורכ׳ן דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, האט דער סטעיט געווידמעט 20 מיליאן דאלער פאר 57 פראיעקטן. היי-יאר האט גאווערנער האָקול אריינגערעכנט דעם ׳באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד׳ אין איר פארגעשלאגענעם עקזעקיוטיוו בודזשעט, דאס ערשטע מאל פאר דעם פראגראם, צייגנדיג איר אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו ניו יארק׳ס באגלייטער-באשעפענישן. אין דעם

דורכגעפירטן פינאנץ-יאר 2023 ניו יארק סטעיט בודזשעט, האט דער פראגראם באקומען א היסטארישע 8 מיליאן דאלער פאר איר קומענדער רונדע.

די פערטע רונדע פון פינאנצירונג אויסגעציילט בויט אויף פריערדיגע איניציאטיוון אויף צו לינדערן די קאסטן פארבינדן מיט קאפיטאל פראיעקטן אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט באשעפעניש שיץ-ערטער. פראיעקטן פינאנצירט היי-יאר רעכענען אריין נייע וואוינונגס אומשטענדן פאר נאך קעץ, נייע מעדיצינישע איינריכטונגען און שיץ-ערטער רענאוואציעס אריינצונעמען מער קענעלס.

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס וועלט אויס גרענט באקומער לויט א נויט אפשאצונג, דייטליכע פראיעקט שילדערונג און ווי פארשטענדליך די קאסטן. ווייטער אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון דעם פראגראם, האט דער סטעיט, צום ערשטן מאל דאס יאר, פארברייטערט בארעכטיגקייט אריינצורעכענען שיץ-ערטער וועלכע זענען פריער געשאנקען געווארן דעם פאנד און האבן פארענדיגט זייערע פראיעקטן, ווי אויך שיץ-ערטער אן קיין מוניציפאלע קאנטראקטן וואס סערווירן אונטערסערווירטע ראיאנען.

די פאלגענדע שיץ-ערטער האבן באקומען אן אויסטיילונג אין דער רונדע פון דעם פראגראם:

**קאפיטאל ראיאן**

- *באשעפעניש באשיצן פאנדעישען פון סקענעקטעדי:* 492,563 דאלער פאר מעדיצינישע פארזארגונג, פלאָר טיילס, נייע איזאלירונג ערטער און געהעכערטע קאפאציטעט פאר הונט וואוין-ערטער.
- *מאָוהאָוק און הודסאן מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפט:* 500,000 דאלער פאר א נייער באשעפעניש-דאקטאריי סוויטע וואס ערמעגליכט דאס אפזונדערן קראנקע הונט פון געזונטע.
- *׳סופער-היראָס אין ריפט דזשינס׳:* 440,347 דאלער פאר רענאוואציע פון א לעצטנס געקויפטע געביידע צו העכערן האָוזינג קאפאציטעט סיי פאר הונט און סיי פאר קעץ ווי אויך א קעצל קאנדא און איזאלאציע ארט.
- *סוסקוועהאנא SPCA*: 143,289 דאלער פאר׳ן איינקויפן באשעפעניש-דאקטאריי אויסריכטונגען, אריינגערעכנט א שטייעדיגע ראדיאגראף מאשין, א דענטאל ראדיאגראף מאשין, לעיסער טעראַפּי אויסריכטונגען און ברען-אייזן געצייג פאר בעסערע אויפפאסונג פאר באשעפענישן.

**הודסאן וואלי**

- *מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפט פון וועסטשעסטער*: 125,000 פאר א נייעם אויבערפלאך פון אינדרויסנדיגע הונט לויף-ערטער, אן אנהאלט מויער פאר׳ן הונט פארק און נייע שטייגן און פלאָרס פאר די קעץ אפטייל.
- *׳פאוס קראָסד׳ באשעפעניש רעטונג אינק.*: 200,000 דאלער פאר א נייע אדאפשען אפטיילונג, קעץ צימער און ׳מיעט ענד גריעט׳ צימערן. דאס צולייגן א באשעפעניש-דאקטאריי קליניק אפטיילונג, קאמיוניטי צימער און שטאב אפיסעס זענען אויך אין פלאן.
- *סוליוואן קאונטי SPCA*: 100,000 דאלער פאר אן HVAC סיסטעם, נייע קענעל טויערן, טירן און צוימען וועלכע וועלן שטיצן באשעפעניש געזונטהייט, זיכערהייט און באקוועמליכקייט.
- *אולסטער קאונטי SPCA*: 250,510 דאלער פאר א פולקאמע רענאוואציע פון זייער הינטארניע אפטיילונג ווי אויך נייע קאלער און נייע פלאָרינג.

**לאנג איילענד**

- *באשעפעניש רעטונגס פאָנד פון די העמפטאנס:* 200,000 דאלער פאר א נייער פרעשור וואש סיסטעם, פלאמבינג און HVAC סיסטעם אויף צו שטיצן באשעפעניש געזונטהייט, זיכערהייט און באקוועמליכקייט.
- *בידאווי אינק.*: 200,000 דאלער פאר א שפאגל נייע, סטעיט-אָוו-דע-אַרט HVAC סיסטעם.
- *טאון אָוו ברוקהעיווען:* 146,500 דאלער פאר א שיץ-ארט רענאוואציע אויף אריינצורעכענען נאך הינטארניעס, א געווידמעטע עסן צוגרייטונג ארט און א ׳מיעט ענד גריעט׳ אפטיילונג.
- *טאון אָוו העמפסטעד:* 52,000 דאלער פאר שיץ-ארט אפגרעידס און פארבעסערונגען אריינגערעכנט בעסערע אפלויף און באלייכטונג.

**צפון ניו יארק**

- *דזשעפערסאן קאונטי SPCA*: 189,767 דאלער פאר פארברייטערן סערוויסעס אין א נייעם באשעפעניש-דאקטאריי אפטיילונג פאר קראנקע אדער געשעדיגטע באשעפענישן. דאס וועט ערמעגליכן פלאץ פאר דענטאל פראצעדורן, כירורגיעס, בעפאר-אפעראציע אויפפאסונג, נאך-אפעראציע אויפפאסונג און א באהאנדלונגס אפטיילונג פאר געשעדיגטע שטוב-באשעפענישן.

**מערב ניו יארק**

- *טשאטאקווא קאונטי מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפט:* 159,677 דאלער פאר מער סעקיוריטי, פענצטער ערזעצונג, און HVAC סיסטעם, און דזשענערעיטער פארברייטערונג.
- *הארנעל אפטיילונג מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפט:* 346,875 פאר א קאטעריע פארברייטערונג, און דאס פארברייטערן דעם אפטיילונג פאר הונט אויפפירונג און טרענירונג סעסיעס. נאך ערטער וועלן רענאווירט ווערן, אריינגערעכנט א נייע עסן צוגרייטונג אפטיילונג און א באזונדערן אפטיילונג פאר רייניגונג סופלייס.
- *׳פעט פרייד׳ פון ניו יארק:* 200,000 דאלער פאר רענאוואציעס און צוגאבן צו א נייער אפטיילונג פון דעם שיץ-ארט וואס וועט באשטיין פון אריינעם, איזאלאציע, באשעפעניש-דאקטאריי אפטיילונגען ווי אויך א יוטיליטי צימער, שטאב בית הכסא׳ס און א שטאב אפרו-צימער.
- *׳טען לייווס קלוב׳*: 200,000 דאלער פאר שיץ-ארט פארברייטערן און פארבעסערן פאר זייערע קעץ. פיר נייע וואוינונג ערטער וועלן צושטעלן מער פלאץ פאר נאך קעץ, און דאס צולייגן אן HVAC סיסטעם וועט צושטעלן ריינע לופט.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״דורך באזוכענישן צו פארענדיגטע שיץ-ערטער רענאוואציעס פינאנצירט דורך דעם פראגראם, האבן מיר געזען די פולקאמע השפעה פון ניו יארק׳ס ׳באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד׳ אין אויפפאסן פאר באשיצטע באשעפענישן ביז זיי געפונען קביעות׳דיגע שטובער. איך וויל דאנקען דעם גאווערנער און אונזערע אסעמבלי-מיטגלידער און סענאטארן פאר פארזיכערן אז דער קריטיש-וויכטיגער פראגראם ווערט ווייטער פינאנצירט. א דאנק די פינאנצירונג וואס איז פאראן אין דעם היי-יעריגן בודזשעט, האבן מיר געקענט אויסוועלן א גרעסערע צאל שיץ-ערטער אויף צו באקומען הילף און צושטעלן בעסערע שטיצע פאר די באשעפענישן וואס זיי האלטן.״

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״יעדע באשעפעניש וואס וואוינט אין ניו יארק קומט זיך א זיכערע און ערנערנדע שיץ-ארט בשעת זייווארטן פאר זייער קביעות׳דיגע היים. אלס א שטארקע שטיצער פון דעם ׳באגלייטער-באשעפענישן קאפיטאל פאָנד׳ בין איך שטאלץ צו זען אזויפיל וואויל-פארדינטע שיץ-ערטער פון לענגאויס דעם סטעיט, און איבערהויפט אין אונזער דיסטריקט, באקומען

באדייטנדע אינוועסטירונגען פאר פראיעקטן וואס וועלן פארבעסערן די לעבנס פון די באשפעענישן וועמען זיי סערווירן און זיי אוועקשטעלן פאר סוקסעספול אדאפשענס.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא דזשוניאר האט געזאגט,** ״די מאס פינאנצירונג פאר אונזערע נאנפראפיט באשפעעניש שיץ-ערטער און מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפטן וועלן שטארק פארברייטערן באשפעעניש אויפפאסונג דא אין ניו יארק. דאס וועט מאכן א פאזיטיוון דיפערענץ אין די לעבנס פון קעץ, הונט און אנדערע באשפעענישן בשעת זייווארטן אויף אדאפשען. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט מיינע קאלעגעס אין רעגירונג אין באשטימען די געלטער פאר דעם אויסגעצייכנטן צוועק.״

**אסעמבלי-מיטגליד דאנע לופארדא האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער צו זען אזויפיל וואויל-פארדינטער באשפעעניש שיץ-ערטער באקומען שטיצע פון אונזער ׳באגלייטער-באשפעענישן קאפיטאל פאָנד׳. מיין קאמיטע האט רעגלמעסיג פריאריטיזירט פינאנצירונג אויף ארויסצוהעלפן מיט די פארברייטערונג, רענאוואציע אדער קאנסטרוקציע פון נייע שיץ-ארט איינריכטונגען. אלס עמיצער וואס האט אדאפטירט עטליכע קעץ פון מיין ארטיגן שיץ-ארט, בין איך זייער שטיצנד פון די ארבעט וואס זיי טוען און די אויפפאסונג וואס זיי פארזארגן פאר היימלאזע באשפעענישן. אונזער ערשט-אין-לאנד׳יגע פאָנד איז א מוסטער פון וואס מיר קענען זיך אלע שטאלצירן.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעבארע דזשעי. גליק האט געזאגט,** ״דער ׳באגלייטער-באשפעענישן קאפיטאל פאָנד׳ איז א קריטיש נייטיגע אינוועסטירונג אין אונזער סטעיט׳ס באשפעעניש שיץ-ערטער. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר די נייטיגע פינאנצירונג אויף צו פארזיכערן אז אונזער מערסט-באדערפטיגע הונט, קעץ און אנדערע באשפעענישן ווערן באהאנדלט מיט מענטשליכע-רחמנות בשעת׳ן ווארטן אויף זייערע קביעות׳דיג שטובער. די געטרייע שטאב און וואלונטירער ביי באשפעעניש שיץ-ערטער לענגאויס דעם סטעיט גיבן זיך אפ מיט אויסערגעווענליכע אויפפאסונג און רחמנות און די פינאנצירונג וועט גאראנטירן אז שיץ-ארט קאפיטאל געברויך ווערן נאכגעקומען. אן די פינאנצירונג וואלטן שיץ-ערטער געווען שטארק אנגעשטרענגט אויף צו ליפערן די געוואלדיג גוטע אויפפאסונג און שטיצע פאר באשפעענישן וואס זיי געבן טאג טעגליך.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון דער ניו יארקער באשפעעניש באשיצונג פעדערעישען ליבי פאסט האט געזאגט,** ״דער פאָנד האט געמאכט אן אומגלויבליכן דיפערענץ פאר שיץ-ערטער לענגאויס דעם סטעיט. דער היי-יעריגער בודזשעט, פינאנץ-יאר 23, איז כולל 8 מיליאן דאלער פאר׳ן פאָנד וואס איז איבער 50 פראצענט מער פון פריערדיגע בודזשעטן. מיר זענען דערויף גאר דאנקבאר גאווערנער האוקול פאר׳ן שטעלן 5 מיליאן דאלער אין איר בודזשעט פארשלאג — דאס מאל איז עס אריינגערעכנט געווארן אין דעם עקזעקיוטיוו בודזשעט — און צו אונזערע לעגיסלאטיווע שטיצער, אסעמבלי-מיטגליד דעבארע גליק און סטעיט סענאטאר דזשאסעף אדאבא פאר׳ן שאפן נאך 3 מיליאן דאלער. דער פאנד וועט ווייטער אנהאלטן מיט׳ן פארבעסערן די סטאנדארטן פון אויפפאסונג פאר היימלאזע באגלייטער-באשפעענישן לענגאויס ניו יארק און שטעלט אוועק א סטאנדארט פאר׳ן לאנד.״

לויט דעם ניו יארק סטעיט באשפעעניש אפהיטונג פעדערעישען, ווערן געברענגט איבער 150,000 באשפעענישן יערליך צו נאן-פראפיט און מוניציפאליטעט-אנגעפירטע שיץ-ערטער און מענטשליכע-רחמנות געזעלשאפטן. דער ניו יארק סטעיט ׳באגלייטער-באשפעענישן קאפיטאל פאָנד׳ וועט העלפן די ארגאניזאציעס אנהאלטן די ארבעט פון צושטעלן באשיצונג סערוויסעס צו ארטיגע קאמיוניטיס, שטיצן בעסער אויפפאסונג פאר די באשפעענישן און פארמיטלען מער אדאפשענס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418